לאָנדאָן

מײַן טײַערער און ליבער דוד!

פֿיל פֿיל מאָל האָב איך זיך געפֿעדערט דיר אָנשרײַבן אַ בריוו. ווײַזט אויס, אַז קיין גלײַכגילטיקער בריה בין איך נישט און דער 'פֿליסנדיקער יום יום' שלעפּט מיך אַרײַן אין זײַן געווירבל גאַנץ געשמאַק...

מײַן פֿרוי מרים איז נישט געווען געזונט און איך בין געווען אַ ביסל פֿאַרשמײַעט. אָבער די צײַט שטייט נישט... איצט בין איך דאָ אין לאָנדאָן אויף אַ וואָך, אַכט טעג. הײַנט הייסט דאָס 'ביזנעס'. איך האָב צוגעגרייט אַ כּתב־יד פֿון אַהרון שטײַנבערגס ייִדישע עסייען [אויסגעקליבן קיין עין־הרע 12 פֿון 94] און איך בין געקומען זיך מישבֿ זײַן מיט זײַן געוועזענער סעקרעטאַרשע פֿרוי אַסיאַ קלײַנער מכּוח פּראַקטישע ענינים: ווי נעמט מען געלט דאָס אַרויסצוגעבן. אויסער דעם גיי איך אין דער ביבליאָטעק פֿון בריטיש מוזיי. דאָ זענען די אָריגינעלע דײַטשע אויפֿלאַגעס פֿון האַראַלד אָטמאַר לענצס 'געמײַננוציגע נאַטורגעשיכטע', פֿון וועלכע מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט איבערגעזעצט, מישטײַנס געזאָגט, זײַן 'סֵפֶר תּוֹלְדוֹת הַטֶּבַע'. אַזאַ בוך איז אַ יושר צוקוקן און צוטאַפּן. איך גלייב גאַנץ שווא, אַז מענדעלע האָט זיך באַצויגן פּעדאַנטיש צו דער מלאָכה פֿון איבערזעצן...

איך האָף, אַז דו האָסט באַקומען די 'דַפִּים לְמֶחְקָר בְּסִפְרוּת' 2. איצט קען גרינגלעך זײַן, אַז מיר וועלן אויספֿירן אין דער חיפֿער אוניווערסיטעט וועט דאָס אָנהייבן צו דרוקן (בפֿועל ממש) ווי אַן עפֿיציעלע אויסגאַבע. ביז איצט איז דאָס אַ מין 'קאָנטראַבאַנדע'. אַלע אונדזערע ענינים גייען אויס אַזוי. אויב מע געפֿינט אַ פּאָר 'משוגעים' קען מען דאָס דורכברעכן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס גאַנצע לאַנד (און אפֿשר די גאַנצע וועלט) שפּײַט און לעסטערט: גאָלעס, ייִדיש קולטור, ווי נעמט מען געלט!

מען האָט מיר דערציילט (דײַן חבֿר מינך), אַז בײַ אײַך גרייט זיך אַ גרויסע שׂמחה. איז וויל איך אויך ווינטשן, דיר און דײַן טײַערער שיינדעלען, אַ גרויסן מזל־טובֿ און אָן אַ שיעור נחת־רוח. איר האָט עס כּשר פֿאַרדינט. כּה לחי!

איך וווין דאָ אין לאָנדאָן בײַ שמואל רייזענען און איך האַלט אין איין טענהן וועגן דעם טראַגישן גורל פֿון ייִדיש. זלמן רייזענען האָט זיך גאָר נישט געחלומט, אַז זײַנע קינדער וועלן אַזוי פֿאַרענגלישט ווערן און זיך באַווײַטערן פֿון יעדן מגע־ומשׂא מיט ייִדיש און ייִדיש־קולטור. אַ צער. נאָר וואָס קען מען מאַכן? נאָר איך האָב זיי ליב (שמואלס ברודער ליבער וווינט אויך דאָ) ווי אַ מענטש.

By air
Par avion

Aerogramme

26P

Prof. David G. Roskies
375 Riverside Drive (4 D)
New York, N.Y 10025

U. S. A.

Royal Mail

Sender's name and address

Shalom Luria
c/o Saul Reizin
6 East Heath Road
London NW3

Postcode

An aerogramme should not contain any enclosure

To open slit here

יע, די Prooftexts זײַנען זייער אינטערעסאַנט. ביסלעכווײַז וועל זיי אויך
[illegible] צווישן אונדזער עולם. אַלץ, און [illegible] האָט מען מיר צוגעשיקט מיט אַ שליח.
איך האָב מיט אים געמאַכט פֿאַר אײַך אַ שטיקל [illegible]. [illegible], ווי מײַן
שטייגער איז, [illegible] צו [illegible] [illegible] האָב איך געלעזן, [illegible] דעם [illegible] [illegible]
פֿון [illegible] [illegible] האָב איך גאָר ניט געלעזן. פֿעלט מיר דאָס קאָמפּלעט...
איך קען די איבערגעבן אַ גרוס פֿון אונדזער געמײנזאַמען פֿרײַנד אַבֿרהם
שאַפּיטש ([illegible]). אויב דו דאַרפֿסט עפּעס אין ישׂראל — אַ בוך, אַ [illegible] אא״וו —
שרײַב מיר און איך וועל זיך מיט [illegible] באַמיִען!
זײַ [illegible] געזונט, דו און שײַנדל און די גאַנצע משפּחה!
מיט ליבשאַפֿט, דײַן
שלום